# עונג שבת

## פרשת שמות תשס״ח

גוט שבת אלע אידן. די וואכעדיגע סדרה רעדט פון דעם כח התפילה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״וישמע אלקים את נאקתם ויזכר אלקים את בריתו את אברהם את יצחק ואת יעקב.״ (שמות ב,כג–כד) חז״ל זאגן אז גלות מצרים איז געווען א דוגמה פאר אלע אנדערע גליות. וועגן דעם, קענען מיר אפשר זאגן אז, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט די בני ישראל פון גלות מצרים דורך תפילה, אזוי וועט דער אייבערשטער אונז אויסלייזען פון דער היינטיגער גלות דורך תפילה. די פאלגענדע מורא׳דיגע מעשה ווייזט דעם כח התפילה.

עטליכע יארן צוריק איז א איד מיט׳ן נאמען ר׳ אברהם אהיימגעפארן קיין עיר הקודש צפת. אויפ׳ן וועג אהיים, האט ר׳ אברהם האט דערזען א איד וואס האט געווארט אויף א היטש אויפ׳ן זייט פונעם גאס. ר׳ אברהם האט געוואלט טון א מצווה, וועגן דעם האט ער אפגעשטעלט זיין קאר מיט צו נעמען יענעם איד. עס איז אויסגעקומען אז דער איד האט אויך געוואלט פארן קיין צפת. ר׳ אברהם האט געפרעגט דעם איד וואו ער פלאנט איינצושטייען אין צפת. דער איד האט געענטפערט ר׳ אברהם מיט א מאדנע ענטפער: ״מי שהציל אותי על הים, יעזור אותי גם בצפת.״ – דער וואס האט מיך געראטאוועט אויפ׳ן ים, וועט מיך העלפן אויך אין צפת. ר׳ אברהם האט געפרעגט דעם איד וואס ער מיינט מיט זיין מאדנע תירוץ, און דער איד האט אנגעהויבן צו דערציילן זיין מורא׳דיגע מעשה:

״איך בין געווארן א בעל תשובה נאר עטליכע יאר צוריק. פאר דעם בין איך געווען אינגאנצן פריי. דעמאלס פלעג איך גיין אסאך צו דעם ים צו כאפן פיש און רייזן מיט שיפן. איך האב ליב געהאט דעם וואסער, און איך האב פרובירט צו טון וואס נאר עס איז געווען מעגלך צו זיין נעבן ים.

איין טאג בין איך געווען אויף א שיף אין די ים לעבן דעם שטאט חיפה, ווען איך האב געזען אז א קליין קינד איז נעבעך אריינגעפאלן אין וואסער. דאס קינד האט געהאלטן אין מיט׳ן דערטרינקען. איך בין שנעל אריינגעשפרינגען אין וואסער און איך האב ב״ה געראטאוועט דעם קינד. דער טאטע און מאמע, וועלכע זענען געווען פרומע מענטשן, זענען געשטאנען אויפ׳ן ברעג, און פארשטייט זיך אז זענען זיי צופרידן געווען אז איך האב געראטאוועט זייער קינד. דער טאטע האט מיך געבענטשט, זאגענדיק, ״איר זאלט זיין געבענטשט פון אויבן. פונקט אזוי ווי איר האט געראטאוועט אונזער קינד בשעת הדחק, אזוי זאל ה׳ דיר העלפן אין דיין שעת הדחק.״

א פאר חדשים שפעטער האב איך אינגאנצן פארגעסן פון דעם אז איך האב געראטאוועט דעם קינד. די זומער נאכדעם האב איך גענומען א ׳וואקאציע׳. איך בין געפארן אויף א גרויסע רייזע שיף אין די ים התיכון. דאס וועטער איז געווען הערליך, עס איז געווען אזוי שיין. איך האב זייער הנאה געהאט פון דעם רייזע.

איין טאג בשעת איך בין געפארן אויפ׳ן שיף האב איך מצליח געווען, און איך האב געכאפט א גרויסן פיש. שפעטער ביי נאכט בין איך אראפגעגאנגען אינעם שיף זיכענדיג א פלאץ צו האלטן מיין שיינע פיש. יעדע גרויסע רייזע שיף האט אין זיך א ריזיגע פריזער. דער פריזער אויף אונזערע שיף איז געווען אזוי גרויס, אז מ׳האט געקענט אריינוואקן (אזוי ווי די פריזער וואס מ׳האט דא אין אונזערע ישיבה הקדושה אין די מילכיגע קאך.) די נאכט בין איך אריינגעגאנגען אין די פריזער צו אוועקלייגן מיין פיש וואס איך האב געכאפט. איך בין אריינגעגאנגען טיף אין דעם גרויסן פריזער ווען איך האב געהערט א גרודער, און... די גרויסע שווערע טיר האט זיך צוגעמאכט אויף מיך. איך בין געווען איינגעשפארט אין דעם גרויסן קאלטן פריזער! איך האב געקלאפט אויפן טיר מיט אלע מיינע כוחות, אבער קיינער איז נישט געקומען עפענען דעם טיר. איך האב געקלאפט נאכאמאל און נאכאמאל אבער גארנישט האט געהאלפן. נאך א שטיק צייט האב איך אויסגעניצט מיינע לעצטע כוחות און איך האב נישט געקענט מער קלאפן. ״וואס גיי איך טון״ האב איך געטראכט און געוויינט.

עס איז געווען שוין נאכט, און איך האב געטראכט אז זיי וועלן נישט עפענען דעם פריזער ביז דעם נעקסטען טאג אינדערפרי.

יעצט האב איך אנגעהויבן צו שפירן דעם קעלט. וויבאלד דעמאלס איז עס געווען זומער, בין איך נאר געגאנגען אנגעטון מיט א דינע העמד. יעצט האב איך שוין נישט געקענט שפירן מיינע הענט. איך האב פרובירט ארומצוגיין כדי זיך אנצוווארעמען, אבער גאר נישט האט געהאלפן. איך האב געשפירט אז איך גיי נישט עס איבערלעבן. איך האב שוין געהאלטן ביים חלש׳ן. איך האב מיך שוין מייאש געווען אז איך גיי שטארבן אין פריזער, רח״ל.

פלוצלינג, האב איך מיך דערמאנט וועגן דעם קינד וואס איך האב געראטאוועט פונעם ים. איך האב מיך דערמאנט וועגן דעם ברכה פונעם טאטן פונעם יונגעל: ״פונקט אזוי ווי איר האט געראטאוועט אונזער קינד בשעת הדחק, אזוי זאל ה׳ דיך העלפן אין דיין שעת הדחק.״ איך האב אויפגעהויבן מיינע אויגן צו הימל און איך האב געדאוונט דעם ערשטן מאל אין מיין לעבן: ״השם, ראטעווע מיך!״ איך האב געוויינט און נאכדעם גע׳חלש׳עט.

די נאכט האט דער קעכער פונעם שיף נישט געקענט איינשלאפן. ער האט זיך מיישב געווען אויפצושטיין אביסל פריער אין די פרי כדי צו קאכן א געשמאקע פרישטיק פאר יעדע איינעם. ווען ער האט געעפענט דעם פריזער איז ער איבערראשט געווארן צו טרעפן מיך ליגענדיק באוואוסטלאז איופ׳ן פלאר פונעם פריזער. ער האט מיך שנעל ארויסגעשלעפט פונעם פריזער און האט גערופן דאקטוירים. די דאקטוירים זענען געקומען צו דעם שיף מיט א העליקאפטער, און זיי האבן מיך גענומען צום שפיטאל. ווען איך האב מיך אויפגעוועקט אין שפיטאל, האבן די דאקטוירים מיך מסביר געווען ווי דער קעכער האט מיך געטראפן און ווי ער האט גערופן די העליקאפטער, וכו׳. איך האב פלוצלינג געשפירט א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר׳ן אייבערשטען אז ער האט צוגעהערט צו מיין ערשטען און איינציגסטע תפילה וואס איך האב געדאווענט אין מיין לעבן. איך בין מיך מיישב צו ווערן א בעל תשובה. באלד דערנאך האט איך באקומען א טעלעפאן קאל אין שפיטאל פון מיינע עלטערן. ״דארפסטו עפעס?״ האבן זיי געוואלט וויסן. ״יא,״ האב איך זיי געענפערט, ״תפילין, א סידור, און ציצית!״ נישט לאנג דערנאך בין איך געווארן אן אמת׳דיגער בעל תשובה, און איך האב חתונה געהאט. יעצט פאר איך קיין צפת זיך צו באזעצן אין צפת מיט מיין משפחה...״ האט דער איד געענדיגט דערציילן פאר ר׳ אברהם.

ביז דער איד האט געענדיגט זיין מעשה, זענען די צוויי אנגעקומען קיין צפת. דער איד איז ארויס פון ר׳ אברהם׳ס קאר געגאנגען, און ער האט באדאנקט ר׳ אברהם פאר די רייד. א פאר טעג שפעטער האט ר׳ אברהם דערציילט די מורא׳דיגע מעשה צו א חבר. דער חבר איז שטארק איבערגענומען געווארן פון דער מעשה. נישט נאר דאס, אבער, דער חבר האט ״פונקט״ געהאט א ליידיגע דירה פאר יענעם בעל תשובה און זיין משפחה! דער וואס האט אים געהאלפן אויפ׳ן ים האט אים טאקע געהאלפן אויפ׳ן לאנד אויך!

פון דער מעשה קענען מיר זיך מחזק זיין אין דעם ענין פון כח התפילה. עס איז כדאי צו דערמאנען דא די ווערטער פון חז״ל: ״אמר רבי חמא ברבי חנינא: אם ראה אדם שהתפלל ולא נענה יחזור ויתפלל שנאמר (תהלים כ״ז) קוה אל ה׳ חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה׳.״ (ברכות לב:) ד״ה מען זאל זיך קיינמאל נישט מייאש זיין. נאר, מען זאל דאווענען און נאכאמאל דאווענען און נאכאמאל דאווענען ביז דער אייבערשטער וועט העלפן. די תפילה פונעם בעל תשובה איז געווען זיין ערשטע תפילה. איז לאמיר פרובירן צו דאווענען מיט ערליכע הארציגע תפילות, אזוי ווי דער בעל תשובה האט געדאווענט דעמאלס אין די פריזער. דורך דעם קענען מיר אלע זוכה זיין צו דעם גאולה שלימה בפרט און בכלל, און מיר קענען מקרב זיין דעם קץ משיחה. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר ראובן מרדכי גרין הי״ו לרגל שמחת אירוסי בנו ישראל בשעטומ״צ

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים • לע״נ הרה״ח ר׳ ברוך (בן ר׳ יצחק ע״ה) אייזענבערג ז״ל

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (פר׳ תרומה קלא:)**